**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו שטיצן קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן

### *ביל S.214A/A.2105A ברייטערט אויס בארעכטיגונג פאר קורבן פארגוטיגונג געלטער פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן*

### *נעמט אוועק פאדערונג פון קרבנות צו איבערגעבן געזעץ אינפארסירונג דאקומענטן צו באקומען פארגוטיגונג און פארלענגערט צייט אפשניט פאר קרבנות צו אריינגעבן א פארגוטיגונג קלעים*

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן ביל S.214A/A.2105A צו אויסברייטערן די בארעכטיגונג פאר קורבן פארגוטיגונג געלטער פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן. די ביל נעמט אוועק די פאדערונג אז קרבנות זאלן דארפן אריינגעבן דאקומענטן פון געזעץ אינפארסירונג כדי צו זיין בארעכטיגט פאר פארגוטיגונג, און עס פארלענגערט די צייט אפשניט ווי לאנג א קרבן קען אריינגעבן א קלעים פאר פארגוטיגונג.

"מיר מאכן דאס גרינגער פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן צו באקומען די פארגוטיגונג וואס איז דא פאר זיי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי קרבנות ערהוילן זיך, וועט די ביל שטיצן ניו יארקער אין צייט פון זייער נויט און זיכער מאכן אז זיי קענען באקומען די בענעפיטן וואס קומען זיך זיי."

ביל S.214A/A.2105A פארברייטערט בארעכטיגונג פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן צו קענען באקומען קורבן פארגוטיגונג געלטער דורכן אוועקנעמען די פאדערונג אז קרבנות זאלן מוזן באריכטן פאר געזעץ אינפארסירונג און איבערגעבן די דאקומענטן דערפון כדי צו קענען זיין בארעכטיגט צו באקומען פארגוטיגונג. די ביל ערלויבט אויך קרבנות צו איבערגעבן אנדערע סארטן באווייזן וואס ווייזן אז זיי זענען אריבער א פארברעכן וואס מאכט זיי קוואליפיצירט פאר פארגוטיגונג.

**סטעיט סענאטאר זעלנאר מיירי האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן געשפאנסארט די ביל וואס נעמט אוועק די ביוראקראטיע פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן און העלפט זיכער מאכן אז זיי באקומען די הילפס-מיטלען פאר וועלכע זיי זענען בארעכטיגט. ווען א געוואלדטאט קומט פאר, דארפן די קרבנות און זייערע פאמיליעס אונזער שטיצע — נישט ביוראקראטיע. איך באדאנק מיין שותף, אסעמבלי מיטגלידער דעימאנד מיקס, און גאווערנער האקול פארן שטיין מיט קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן."

**אסעמבלי מיטגליד דעימאנד מיקס האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער קעטי האקול, פארן זיכער מאכן אז אלע איבערלעבער אין אונזער סטעיט באקומען יושר'דיגע צוטריט צו קרבנות פארגוטיגונג דורכן אריינשרייבן דעם 'יושר'דיגע צוטריט צו קרבנות פארגוטיגונג אקט' אין געזעץ. די ביל וועט אוועקנעמען די אומגערעכטע שטרויכלונגען אין וועלכע קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן שטויסן זיך אן ביים פרובירן צו באקומען באדייטפולע הילפס-מיטלען, און עס וועט פארברייטערן צוטריט צו די קורבן

פארגוטיגונג געלטער וואס איבערלעבער דארפן צו צוריקבויען זייערע לעבנס נאך טראומא. אלס דער אסעמבלי ספּאנסאר פון די ביל, איז דאס געווען א פריווילעגיע צו ארבעטן צוזאמען מיט סענאט ספּאנסארט זעלנאר מיירי, שתדלנים און איבערלעבער צו ברענגען די קריטישע ביל ביזן ענדע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן